YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i33

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 33
August 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 33)


### Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish


### Comments
*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/83

# לייבאר דעי אין די יוניטי הויז

### ווילט איהר זיין אין די יוניטי הויז לייבאר דעי?

די מיטגלידער פון די אינטערנעשיאנאל לאקאלס וואס ווילען זיין אין די יוניטי הויז פון די וויסטע און דרעססמאכער, לייבאר דעי, דאס מיינט, די פאר טעג פון דער ענדע פון יענער וואך, ווען עס פאלט אויס לייבאר דעי, דארפען זיך שוין רעדזשיסטרירען. סך הכל איז דארט דא פלאץ פאר נאך הונדערט מענשען, א חוץ די רעגעלע וואקיישאניסטס, וואס האבען זיך שוין רעדזשיסטרירט פאר יענער צייט, און וועלען זיין דארט נאך פון פריהער.

די יוניטי הויז קאמיטע האט באשלאסען, אז דעם מאל זאל מען געבען דעם פארצוג בלויז צו גוטשטעהענדע מיטגלידער פון די אינטערנעשיאנאל לאקאלס. דער קאמיטע טוט לייד, וואס דעם מאל וועט מען מוזען זיין גאנץ סטריקט און די מיטגלידער וואס וועלען ארויספאהרען אהין וועלען דעם מאל ניט קאנען מיטנעהמען זייערע פריינט, ווי דאס איז געטאן געווארען ביי אנדערע געלעגענהייטען.

צו דער געלעגענהייט, וועט אין די יוניטי הויז ווידער אמאל געגעבען ווערען א גרויסארטיגער קאנצערט, מיט בארימטע טאלאנטען. דערווייל זיינען שוין דא צוויי בארימטע טאלאנטען וואס האבען באשטימט פארשפראכען צו זיין דארט, דאס איז א באריטאן-זינגער פון דער וויטאר און א באריטאן-זינגער פון דער ווינער אפערא. זייערע נעמען וועלען באקאנט געמאכט ווערען שפעטער. און עס וועלען זיין אויף דעם קאנצערט נאך און נאך. איינס איז שוין זיכער, עס וועט זיין א גרויסארטיגער קאנצערט, וואס וועט נעמען ארויסרופען פיל ענטוזיאזם ביי די אנוועזענדע.

אלזא, די מיטגלידער וואס ווילען זיין אין די יוניטי הויז די ענדע פון יענער וואך, זאלען זיך גלייך רעדזשיסטרירען אין אפיס פון דער יוניאן, 61 וועסט 21טע סט., רום 6. דער פרייז וועט זיין דריי דאלאר א טאג. די מיטגלידער וועלען אויך דארפען איינצאהלען אין אפיס איין דאלאר פאר פאהרען מיט'ן „באס" פון בושקיל ביז די יוניטי הויז און צוריק. רעדזשיסטרירען קאן מען זיך אין אפיס פון 10:30 אין דער פריה ביז 6:30 פארנאכט.

* * *

### מיטגלידער און ניט-מיטגלידער אין דער יוניטי הויז.

מיר האבען שוין פריהער איינינע מאל באקאנט געמאכט, דאס דעם זומער ווערען אריינגענומען אין די יוניטי הויז יוניאן-לייט אויך פון אנדערע ארגאניזאציעס. עס איז אבער דא אן אונטערשיד אין פרייז. מיטגלידער פון אינטערנעשיאנאל לאקאלס צאהלען 18 דאלאר א וואך, מיטגלידער פון אנדערע יוניאנס צאהלען 23 דאלאר א וואך. אבער ווי עס שיינט, איז דער פאקט נאך ניט גענוג באקאנט און מאנכע מיינען, אז וויבאלד זיי זיינען קיין מיטגלידער אין אונזער אינטערנעשיאנאל און זיי ווילען דוקא זיין אין די יוניטי הוז, טא מוזען זיי זיך אהין אריינ'גנב'ען... דאס איז געוויס ניט קיין פיינע זאך.

ניט לאנג צוריק האט פאסירט א פאל וואס ווייזט דאס מאנכע מענשען האבען זיך „פארשטעלט" פאר מיטגלידער פון דער אינטערנעשיאנאל אריינצוקומען אין די יוניטי הויז.

א מאן, וואס האט זיך רעדזשיסטריט אויף א ביכעל פון א מיטגליד פון דער אינטערנעשיאנאל, איז פאר זיין אפפאהרען פון דארט צוגעגאנגען צום קאנטאר און דערלאנגט 5 דאלאר. ער האט ערקלעהרט, דאס ער איז ניט קיין מיטגליד פון אונזער יוניאן, און דאס ער האט ניט געוואוסט, אז דארט ווערען אריינגענומען מיטגלידער פון אנדערע ארגאניזאציעס. ער האט אבער זעהר געוואלט זיין דארט פאר זיין וואקיישאן און... ער האט געבארגט א ביכעל ביי א פריינט, כדי אריינצוקומען אין די יוניטי הויז. איצט אבער, ווען ער האט אויסגעפונען ווי די זאך איז, טא וויל ער ניט בארויבען די יוניטי הויז מיט 5 דאלאר! און בפרט נאך, ווען צו זיין דארט איז ווערט א סך מעהר ווי מען צאהלט.

עס פרעגט זיך אלזא, איז דאס געווען דער איינציגער „פרעמדער", וואס איז אריינגעגאנגען אין יוניטי הויז מיט אן אנדערענס יוניאן-ביכעל?

זאלען די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס ניט אויסבארגען זייער יוניאן-ביכעל אויף צו באשווינדלען די יוניטי הויז. עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אז די וואס קומען און זיינען ניט קיין מיטגלידער פון אונזער יוניאן, זאלען צאהלען מיט 5 דאלאר א וואך מעהר. לעגט דאך צו די יוניאן אזויפיל טויזענטער יעדער יאהר די יוניטי הויז אויפצוהאלטען, — איז די יוניאן אויך מחויב דאס צו טאן פאר ניט קיין מיטגלידער?





## א בריק צווישען קעשענעוו, בעסאראביען, רומעניען, בוקאווינא און ניויארק

די גרעסטע טייל פון די אומגליקליכע אידען, וועלכע ראטעווען זיך פון די פאגראמען אין אוקראינע און אין אנדערע טיילען פון דעם אמאליגען רוסלאנד, לויפען קיין בעסאראביען, וואס באלאנגט איצט צו רומעניען. צעהנדליגע טויזענדער פון די דאזיגע קרבנות וואלגערען זיך איצט אין קעשענעוו און אין אנדערע רומענישע שטעדט הונגעריגע, בארוויסע, האלב-נאקעטע און אהן א דאך איבערן קאפ. די האבען קרובים אין אמעריקא, וועלכע ווילען זיי העלפען, אבער די גרויסע שוועריגקייטען פאר איבערשיקען געלט פון אמעריקא נאך רומעניען האבען צוריקגעהאלטען די גרעסטע טייל פון דער דרינגענד נויטיגער הילף.

איצט זיינען אלע שוועריגקייטען אפגעשאפט געווארען.

### די פאבליק נעשאנאל באנק

### האט אפגעשאפט אלע שוועריגקייטען

מר. סעמועל בערגסאן, אסיסטענט קעשיער פון דער פאבליק נעשאנאל באנק, וועלכער איז געווען דער ערשטער דורכצוברעכען א וועג פאר געלט-הילף פאר די אידען אין פוילען, האט איצט געעפענט אפיסעס פון דער פאבליק נעשאנאל באנק אין קעשענעוו און אין בוקארעסט, און מיר האבען איצט אלע בעקוועמליכקייטען פאר דער אריבערשיקונג פון געלדער קיין קעשענעוו, בעסאראביע, גאנץ רומעניע און בוקאווינא.

די געלדער וועלען אויסגעצאהלט ווערען אין —

### רומענישע לעים אדער אין אמעריקאנער דאלארס ווי איינער וויל שיקען!

נוצט אויס די גרויסע געלעגענהייט וואס די פאבליק נעשאנאל באנק גיט אייך און העלפט אייערע אומגליקליכע קרובים אין רומעניען און בוקאווינא.

## די פאבליק נעשאנאל באנק

### און ניו יארק

### דעלענסי קארנער לודלאו סטריט

ברענטשעס:

מאנהעטען: בראדוויי און 25טע סטריט

ברוקלין: גרעהעם עוו. און סיגעל סט.

בראנקס: 1817 — דריטע עוועניו

הארלעם: מעדיסאן עוועניו און 116טע סט.

בראנזוויל: פיטקין עוועניו און וואטקינס.



## דעזיינינג

### א לייכטע מעטאד

אין דראפטינג, גריידינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשילדרענס גארמענטס.

אווענדען פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג פון 2 ביז 5.

### די מאדערן פעשאן אקאדעמי

114 וועסט 44טע סט., רום 701.

[illegible] דעם בעלאסקא טעאטער.


## מען קאן זיך שוין רעדזשיס-טרירען.

אונזערע מיטגלידער קענען זיך שוין רעדזשיסטרירען פאר די קורסען און קלאסען אין אונזער ארבייטער איניווערזיטעט אין די יוניטי סענטערס.

פרעגט זיך נאך וועגען דעם אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 81 יוניאן סקווער, רום 1008.



# קאַרוסאַ

מיר טרויערן אַלע איבער אונזער גרויסען פערלוסט פון דעם גרעסטען טענאָר מיט דער גאָלדענער שטימע, ענריקאַ קארוזאַ.

מיר זאָגען, אַז ער איז אונזערער, אַן אַמעריקאַנער, פונקט אַזוי ווי די איטאַליענער זאָגען, אַז ער איז זייערער.

אָבער, דער אמת איז, אַז ער באַלאַנגט צו אַלע פעלקער. עס איז ניטאַ קיין נאַציאָן אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט טרויערן נאָך איהם.

ער האָט געזונגען פאַר די גרעסטע מאַסען. וועלכע זיינען באַצויבערט געוואָרען פון זיין וואונדערבארער שטימע, ווייל עס האָט ניט בלויז זיין שטימע געזונגען נאָר אויך זיין האַרץ.

זיין שטימע איז אוועק פון אונז, אָבער זיינע זיסע טענער וועלען לעבען מיט אונז אויף אייביג, אַזוי לאַנג ווי מענער און פרויען וועלען סענען הערען, לאַכען און וויינען און אויך אַפּלאָדירען.

איצט האָבען מיר אין סטאָק יערען איינעם פון זיינע סעלעקשאַנס. קומט פריה ווען זיי זיינען נאָך דאַ.

— קויפט אייער וויקטראָלאַ דירעקט פון —

## סאול בוירנס

גרויסאַרטיגע, שעהנע אינסטרומענטען, וועלכע גיבען ארויס אַ קלאָרען טאָן, פיינע ארבייט, אויסגעשטאַטעט מיט די לעצטע פאַטענטירטע אויסבעסערונגען. פאַר דעם פרייז פון $100 איז עס אַ זעלטענע מציאה. נאָך מעהר איז עס דורך אונזער ספּעציעלען אָפּפער.

— אַ ספּעשעל אָפּפער יעצט —


SONORA — $100.


VICTROLA — $100.

# וויקטראָלאַ, סאָנאָראַ גראַפאָנאָלאַ, פּאַטהע

# מיט 25 דאָלאַר רעקאָרדס

# אָהנע איינצאָהלען


COLUMBIA — $100.


PATHE — $100.

בלויז

# $5

מאָנאַטליך

— אַנדערע סטיילס פון $25 ביז $1,250 —

מיר טרויען אייך. קיינע רעפערענס נויטיג

אונזערע סטאָרס זיינען אָפען יעדען אָבענד ביז 10 און זונטאָג ביז 6 אוהר

SAUL BIRNS

STORES OF SATISFACTION

BROOKLYN


## אַ סאַב מאַנופעקטשורינג פירמע וויל דורך קאורט אומוואַרפען דעם טרייד אַגרימענט אין קליוולאַנד.

(שלוס פון זייט 1).

זי, זי זאָל דארפען צאָהלען איהרע אַרבייטער די זעלביגע שכירות וואָס ווערט געצאָהלט אין די אינסייד שעפּער, טו ווי וועט זי קאָנען עקזיסטירען? דאָס מיינט דאָך — טענה׳ט די פירמע אין דער אָנקלאָגע, — אַז פאַר די סאַב־מאַנופעקטשורערס ווערט פארשטעלט דער מארקעט פון דער פרויען־קליידער פראָדוקציע, ווי באַלד זיי ווילען ניט, אָדער קאָנען ניט אויפהאַלטען יוניאָן־שעפּער.

און דיזע פירמע, וועלכע ווערט אודאי געשטיצט פון אַלע סאַב־מאַנופעקטשורער אין און ארום קליוולאַנד, וויל פון קאורט אַן אינדזשאַנקשאָן קעגען דעם גאַנצען אַגרימענט אין דער אינדוסטריע! די אָנקלאַגע איז געריכטעט קעגען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, קעגען דער מאַנופעקטשורערס אסס׳ן, קעגען דעם באָארד אוו רעפעריס, פון וועלכען, פארבייגעהענדיג, דזשאַדזש דזשוליאַן וו. מעק איז דער טשערמאַן, און אויך קעגען צוויי קלאָוק פירמען אין קליוולאַנד, פאַר וועלכע די מייערס האָבען פריהער געארבייט און קאָנען פון יענע פירמען מעהר קיין ארבייט ניט באַקומען. און אלס אַ צוגאָב בעט נאָך די סאַב־מאַנופעקטשורינג פירמע 12 טויזענט דאָלאַר דעמעדזשעס, פאַר דעם שאָדען, וואָס אין זייער שאָפ קאָן מעהר ניט געמאַכט ווערען קיין ביליגע, אָדער אפשר גאָר סקעב־ארבייט.

דאָס איז ווירקליך אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע קייס, און עס בלייבט צו זעהן, וואָס די קאורט וועט האָבען צו זאָגען וועגען דעם. אונזער וויים־פּרעזידענט מ. פערלשטיין, דער מענעדזשער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין קליוולאַנד, איז דערווייל באַזונדערס ביזי געוואָרען.

נאָך אַ סענסאַציע איז, וואָס אלס לויער פאַר דער יוניאָן אין דער קייס איז אָנגעשטעלט געוואָרען עקס־סעקרעטער אוו וואָר ניוטאָן ד. בייקער, און ער וועט פיהרען אין קאורט די קייס פאַר דער יוניאָן. מר. בייקער, אלס קריגס־סעקרעטערי, האָט מיטגעהאָלפען צו שאַפען דעם אַגרימענט צווישען דער יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס אסס׳ן אין קלאַוולאַנד און איצט איז אויסגעפאַלען דער גורל, אַז ער זאָל דעם אַגרימענט פארטיידיגען אין געריכט. עס בלייבט, אלזאָ, צו זעהן, וואָס פון דער קייס וועט ווערען, ווען עס וועט פאָרקומען פאַר׳ן ריכטער, און ווי די קאורט וועט זיך צו דעם צוטראָגען.

## אונזער אינטערנעשאַנאַל רופט אַ קאָנפערענץ צו העלפען סאָוויעט־רוסלאַנד.

(שלוס פון זייט 1).

טער פון אמעריקא טאָרען ניט פארלאָזען די אומגליקליכע מאַסען אין רוסלאַנד! מען טאָר זיי ניט לאָזען אויסגעהן פון הונגער און פון די קראַנקהייטען וואָס דער הונגער ברענגט מיט זיך.

„אונזער אינטערנעשיאָנאַל רופט דאריבער איין אַ קאָנפערענץ פון אַלע אונזערע לאָקאַל יוניאָנס אין גרויס ניו יאָרק, צו באַשטימען אַ פּלאַן פאַר באַלדיגער הילף, פאַר די הונגער־ליידענדע פון רוסלאַנד.

איהר ווערט דארום אויפגעפאָדערט גלייך צו מאַכען אַראַנדזשמענטס דאָס אייער עקזעקוטיוו באָארד זאָל באַלד אַפּוינטען אַ קאָמיטע פון 5 צום קאָנפערענץ וואָס ווערט איינגערופען פון אַלע לאָקאַלס פון אונזער אינטערנעשיאָנאַל. דער קאָנפערענץ וועט אָפּגעהאַלטען ווערען מיטוואָך אָוונט, דעם 10טען אויגוסט, אין אַדיטאָריום פון די פּיפּעלס הויז, 7 איסט 15טע סטריט, ניו יאָרק.

„מיר ווייסען אַז דער רוף וועט געפינען אַ גוטען אָפּקלאַנג אין אייערע הערצער און איהר וועט מיט אונז מיטאַרבייטען לוים אייערע בעסטע ווינשע. האַנדעלט גלייך און העלפט מאַכען דעם בייטראַג פון אונזער אינטערנעשיאָנאַל צו די נויטלײדענדע אַזוי גרויס און אַזוי גיך ווי נאָר מעגליך.

„בריקערליך אייערע,
„בענדזשאַמין שלעזינגער,
פּרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

## מען קאָן זיך שוין רעדזשיסטרירען.

אונזערע מיטגלידער קאָנען זיך שוין רעדזשיסטרירען פאַר די קורסען און קלאַסען אין אונזער ארבייטער איניווערזיטעט און די יוניטי סענטערס.

פרעגט זיך נאָך וועגען דעם אין עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט, 81 יוניאָן סקווער, רום 1008.